קום, ניי ווייב.
קום, קום צו מיר.

ווערט מיד פון דער אַרבעט. קוקט פאַר זיך. צעטופעט זיך, צעטאַנצט זיך, שטייענ־דיק אויף איין אָרט. בלייבט שטיין מאַט, פאַרטרויערט, פאַרגליווערט.

שטיל אין היול. פונדרויסן דערטראָגן זיך כאַיעשע קוילעס, נענטער און העכער, ווי פריער. בולגלי, מיט אַ צאָרנדיקן ברום, קריכט אַרויס, לייגט צו אַ גרויסן קלאַץ צום דרויסנדיקן פייער. וואַרט ביז די פלאַמען צעפלאַקערן זיך. כאַיעשע קוילעס — שוואַכער, ווייטער.

---

## צום 20 יעריקן יובילײ פון דער טשערנאָוויצער שפּראַכקאָנפערענץ

היינטיקן כוידעש (אויגוסט) ווערן 20 יאָר זייט טשערנאָוויץ האָט געהאַט די זכיה צו דעם היסטאָרישן שליכעס מאַכנים אויראַך צו זיין די ערשטע יידישע שפּראַכקאָנ־פערענץ. באַהערשט פון איין גרויסן געדאַנק, זענען זיך צונויפגעקומען די פּיאָנערן פון דער יינגער יידישער שפּראַך לייגנדיק דעם יעסאָד צו איר פאַרוועלטליכונג. א גרופּע „נאָר־איווע טרוימערס" האָבן זיי מיט א געאויניטשן קוק פאַראויסגעזען די אַנטוויקלונג פון אונזער שפּראַך — דעם זשאַרגאָן" פון איר היינטיקן מאַצעוו צו דער מאָדערנער יידישער פאָלקסשפּראַך. ניט לאָזנדיק זיך אָפּהאַלטן פונם וואוילקענעוודיקן שמייכל פון סקעפּטי־קערס וואָס האָבן מיט „פריינטליכן" ראַכמאָנעס אַראָפּגעקוקט אויף די „אויטאָפּיסטן" וואָס פאַרמעסטן זיך צו פאַרוואַנדלען דעם צענאָ ורענאָ אין וועלטלאַכער ליטעראַטור, און אַנט־קעגנשטעלנדיק זיך מיט אַקשאָנעס דעם אַמעראַצישן געפּילדער פון די אַסימילאַנטן מיכאָל האַמינים וועלכע האָבן געשטעמפּלט יידיש צו דעם „זשאַרגאָן" צו דער „ציקאַליער טשעטער שפּראַך" פונם פּראָסטן באַל־מלאָכע און אַרבעטער, האָבן אָט די מוטיקע שטורמערס באַוויזן צו גיין דעם אַנגעצייכנטן זועג פאַר אויסבויען און אַנטוויקלען אונזער שפּראַך.

צוויי יאָרצענטלינג זענען אַוועק. זיבער די שענסטע קאַפּיטלעך אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור. דער זאָמען וואָס איז פאַרזייעט געוואָרן אין אויגוסט 1908 אין טשערנאָוויץ איז געפאַלן אויף אַ פרוכבאַרן באָדן, און געצייטיקט זיינע פּירעס, ס'איז אויסגעוואַקסן אַ נייער דאָר וואָס האָט אין זיך אויפגענומען אָט די לאָזונגען, און זיי פאַרשפּרייט אין יעדען ווינקל וואו יידן לעבן און שאַפן.

אָפּשאַצנדיק דעם באַטייט פון אָט די 20 יאָר קולטוראַרבעט און קולטורקאַמף האָט „דער „יידישער שולפאַריין פאַר דער בוקאָווינע" אין טשערנאָוויץ באַשלאָסן איינצואָרדנען פאַרן 11־טן און 12טן אויגוסט ד. י.

### אַ גרויסער יויוול־פייערונג

מיר פאַרבעטן אַלע פריינט און קעמפער פון יידיש, אובעפראַט און מיט אַ באַזונדערן כאַוועראַשן דערעך־ערעץ, די אַנטיילנעמער פון דער שפּראַכקאָנפערענץ (וועמענס אַדרעסן ס'זענען אונז לערויוו ניט באַוואוסט) צו קומען צו אונזער סימכע.
„יידישער שולפאַריין פאַר דער בוקאָווינע", אין טשערנאָוויץ.

---

# רעפלעקסיעס

### אָ, טשערנאָוויץ!

אַזש פון טשערנאָוויץ איז געקומען די יעשוע, אָבער פאַרפאַלן איז דאָס שוין געווען — דער נומער פינף אונזערער איז שוין געווען אינגאַנצן פאַרטיק.

טשערנאָוויץ פייערט דעם 20 יעריקן זייט אידישע שריפטשטעלער זענען זיך דאָרט צוזאַמענגעקומען און ערקלערט בעפרעסיע אַז אידיש איז אונזער לאָשן. דאַרף אַ קאָמו־ניקאַט וועגן אָט דער סימכע פאַרבלאָנדזשן צו אונז און דאַווקע מיט אַ פריינטליך בריוול און דאַווקע מיט אַ באַקאַשע אַז מיר זאָלן עס איבערגעבן דער „אונז פריינטליכע פרעסע". מיר האָבן איבערגעלייגט דעם קורצן קאָמוניקאַט און אונז איז לייכט געוואָרן אויף

רעכ געמיט. זעגען מיר, חייסט עס, אויך אַ טייל פון דער זוואונדער געביידע וואָס בויט
זיך פאר אונזערע אויגן.
רייזן, צי ער וויל צי ער וויל ניט, איז אונזער עלטערפעטער און,
באַשאַפער, ביאַלאָסטאָצקי איז טיינער אַ לאַבלעכער קאָזין. די פאַרזעצליכקייט האָט אונז
אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ מיט דער מעטאפיזישער קלאָרקייט אַז דוירעס קינדלעך און
קייטלעך און קניפּן אויס א קנופּ אַזעלכן אַז נאָכדעם ווי אַלע בעשבוינעס ווערן אונטער־
געפירט ווערן אפילע אומגעזעצלאַכע קינדער אויך פאַרגעזעצליכט.
„געהאַסט און געטריבן” פון אַלץ וואָס האָט א שטאָט און אַ שטענדער אין דער אי־
רישער ליטעראַטור האָבן מיר זיך פּלוצים דערזען ארויסגעגליטשט אפילע פון דער לי־
טעראַטור געשיכטע. מיר האָבן דערפילט אַז מיר קלעפּן זיך צו אַלץ ווי אַן ארבעס צו
דער וואַנט. די אידישע ליטעראַטור־קויהאַנים שרייען יעוואָרעכ־עכאָ מיט אַזאַ געפילדער
אַז זיי פאַרטויבן אפילע אונזער פאַנטאַמימע. נחמן מייזל, לויפט, לויפט ווי א יאַג־
פערד איבער דעם ליטעראַטור־פעלד און לאָזט פאַלן צענדליגער נעמען און אַז עס קומט
צו אונזערע קריגט ער פּלוצים אַ מייכעש. אַז ניגער קרייזעלט יעדן פרימאָרגן די בערד
ביי די קלאַסיקער איז ער כאָטש באַרעכטיקט. דאָס איז דער בעסטער אַמט וואָס מען האָט
געקענט געבן אַן אָטסטאַוונאַי וואָס איז נאָך דערצו אַן אינוואַליד נעבער, אָבער ליבערמאַן,
אָט די האָפנונג פון אינגערן דאָר קונצלער (ווען עס איז וועט ער עפשער דאָך א שרייב
מאָן), אָט דער קאַלאָסאַלער נאַרישער וויץ אין אונזער אָרימען קוואַרטאַל? אַלע אַלע
באַגייען זיך מיט אונז ווי מיט שטיף־פּאָעטן.
און האָבן מיר געוואָלט נעמען דעם לעזער מיט צען סענט.
פאַר אַ "דיים" זועט אַ ליבער לעזער קויפן אפילע ווערווייסוואָס. מיר האָבן געמיינט אַז
געוועז אַרויסגעוואָרפן. מיר האָבן פאַר זיין קאָוועד וועגן אינסצענירט סקאַנדאַלעכלאַך,
מיר האָבן געטשעפעט אַזאַ וואוילן אידן ווי ניגערן און פאַרקאָכט אַן עמעסע קאַטאַוואַסיע.
קיינמאָל וועט אַזאַ זינד ניט אויסגעקויפט ווערן, אַ זינד וואָס מיר זענען באַגאַנגען, זענען
מיר זיך מוידע, בלויז צוליב סויר־קיו־ליישאָן, אָבער די סויר־קיו־ליישאָן איז ניט
געקומען. האָבן מיר פאַר זיך אויסגעווייזט מיט די אייגענע הענט אַ טוגענט אַז אונז איז
באַשערט די גרויסע גליקליכע טראַגישע ראָלע: מיר — די ארויסגעשטויסענע און פון
ליטישע לעזער פאַרבריקעטע פּאָעטן. מיר האָבן געקייט אונזער קריסטוס־בערדל און באַ־
שלאָסן אַז מיר דאַרפן אין גאַנצן אַרויס פון טכום. דער רעזולטאַט פון דער מאַרטירער־
לאָגיע איז מיין אייגענער און לעיעלעסעס בייטראָגן, משטיינס געזאָגט, פון היינטיקן
כומער. אָבער וואָס זאָל פאַרט טאָן דער מענש וואָס האָט אָנגעשריבן אַזעלכע יוסטע זאַכן
ווי שלמה מולכה און אשר לעמלין ווען אלע פירער האָבן אים פּלוצלים פאַרלאָזן און וואָס
זאָל טאָן איך (מיר?) פון גרוים פאַרצווייפלונג אויב ניט אָנשרייבן אַ זאַך וואָס זאָל
כיך (אונז?) אינגאַנצן שטעלן מיכוץ —
אָבער פּלוצים קומען די נאַאיווע, ליבע טשערנאָוויצער (אַ היילער פון אונזערע גע־
מיטער!) און רעדן צו אונז ווי גוטע פעטערס. רעדן וועגן אַ צו „אונז פריינדליכע
פּרעסע”, רעדן וועגן אַ ייכעס און וועגן אַ גרויסער מישפּאָכע און אויסדערווילן אונז צו
זיין די העראָלדן פון דער טשערנאָוויצער גרויסער סימכע.
ליבע, טייערע ליטעראַטור אונזערע, אפילע שטיפקינדער האָבן ביי דיר וואו דעם קאָפּ
אָנצושפּאַרן אין דיין גרויסן רייך און ביים רונדן טיש וועט מען אונז עפשער, מיט דער
הילף פון וועלט באשאפער, אָוועקזעצן לעבן ביאַלאָסטאָצקין. טייערער לעזער־מינימום
וואָס איז אונז באַשערט! מיר וועלן שוין מער ניט זינדיקן קעגן דיר מיט דער טייוול־
ווייס־וואָס. מיר וועלן דיך קעכלען און שרייבן ראַיעלע זאַכן ווי מיידעלע ווייס־
קליידעלע פיו־פיו (אָדער גו־גו), מיט דער הילף פון דעם וועלטבאַשעפער, זוי ביאַלאָסטאָצ־
קי. מיר וועלן שוין מער ניט זידלען דעם יונגען אָנקויבעסדיקן ליבערמאַנען און דעם
אַלטן וועלן מיר אויך לאָזן צורו און די אלע ליבערמאַנס, די טויטע צערבערן ביי די
טויערן פון די ליטעראַרישע אריינגאַנגען וועלן מיר (עפשער) מער ניט טשעפּן.
און אַלץ צוליב טשערנאָוויץ און אַלץ טשערנאָוויץ צוליב.

י. ג—ן

אינזיך יולי 1928